STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00207

LIDER FAR YUGNT

Mates Olitzky

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Rae F. Kallenberg
in memory of
Peral Leah & Isaac Leib Katz

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לידער
פאר
יוגנט

לידער פאר יוגנט

פון

כ. אָליצקי

ניו־יאָרק, 1974

בילדונגס־קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג

M. Olitsky

POEMS FOR YOUTH

Copyright 1974 by
M. OLITSKY
New York, N. Y.

אַרויסגעגעבן ביי דער מיטהילף פונעם קאַרל ראָטמאַן ליטעראַטור-פאָנד
ביים אַלוועלטלעכן יידישן קולטור-קאָנגרעס אין ניו-יאָרק

געדרוקט ביי די ברידער שולזינגער

Printed in the U.S.A. by
SHULSINGER BROS., Inc.
21 East 4th Street, New York, N. Y. 10003
253

אין מיין פענצטער

בליט מאַנהעטן

אין מײַן פֿענצטער בליט מאַנהעטן

אין מײַן פֿענצטער בליט מאַנהעטן —
אַ וואַזאָנע שלאַנק און שײן.
אירע צווײַגן זײַנען טויטע,
אירע בלעטער זײַנען שטײן.

שײן איז די וואַזאָנע, פּרעכטיק,
ווען די יונגע זון שײַנט אויף.
צו די הויכע הימלען, מעכטיק
וואַקסט איר קרוין, אַרויף, אַרויף.

שײן איז זי, אַ פֿאַרגעניגן,
ווען די זון, שוין מיד, פֿאַרגייט.
רויטע, גרינע פֿײַערפֿליגן
טאַנצן אַרום איר מיט פֿרייד.

כאָטש די צווײַגן זײַנען טויטע,
כאָטש די בלעטער זײַנען שטײן —
בליט מאַנהעטן אין מײַן פֿענצטער, —
אַ וואַזאָנע שלאַנק און שײן.

טאָג נאָך טאָג

טאָג נאָך טאָג, ווי טראָט נאָך טראָט,
גייט דאָס אַלטע יאָר אַוועק.
דורך די גאַסן פֿון דער שטאָט,
מיט דעם גלאַטן ברייטן וועג.

ניט עס וואַרט בײַם רויטן ליכט,
ניט עס פֿרעגט וואוהין צו גיין.
מיט אַ שמייכלענדיק געזיכט
גייט עס דורכן לאַנד אַליין.

גייט אַוועק אַ טאָג אין פֿרייד,
גייט אַוועק אַ טאָג אין גליק.
און אָ דריטער טאָג פֿאַרגייט,
ניט צו קומען אויף צוריק.

מיט
דער
סאָבּוויי
פּאָרן

מיט דער סאָבּוויי פּאָרן
איז אַ פֿרייד פֿאַר מיר.
עס קומען, קומען מענטשן
און זעצן זיך לעם מיר.

זיי זיצן לעבן מיר
נאָענט בײַ מײַן זײַט,
ווי אַלטע גוטע פֿרײַנד,
ניט ווי פֿרעמדע לײַט.

די ליידי וואָס בײַם פֿענצטער
שלאָפֿט אויפֿן בענקל ברייט.
גלײַך אויף מײַנע קני׳ען
ליגט איר זײַדן קלייד.

דער דאַרער מאַן פּרעסט צו
זײַן אַקסל צו מײַן האַנט.
ביידע מיר, באַזונדער,
שאָקלען זיך באַנאַנד.

דער בחור אינעם מאַנטל
האָט אויגן ברוין און גוט.
זײַן שיינע הויכע מיידל
טראָגט מײַן פֿרויס אַ הוט.

מיט דער סאָבּוויי פּאָרן
איז אַ פֿרייד פֿאַר מיר.
אויך די בעסטע לידער
קומען דאָרט צו מיר.

בײַ נאַכט

דער הימל איז בײַ נאַכט אַ שטאָט
מיט עווענױס געדיכט.
די וואָלקנקראַצערס זעט מען ניט,
נאָר דאָס ווײַטע ליכט.

די שענסטע גאַסן זײַנען וואו
דער מילכוועג איז ברייט.
דער גרעסטער סקווער איז דאָרטן וואו
דער בער, דער גרויסער, שטייט.

אויף קאַרס און אויטאָס, מן־הסתם,
פֿאָרן הער און הין.
אָט צינדט אַ שטערן אָן זיך רויט,
אָט איז ער ווידער גרין.

און מענטשן, אויב זיי לעבן דאָרט,
מיינען אויך ווי מיר :
דער הימל איז בײַ נאַכט אַ שטאָט
מיט גאַסן אָן אַ שיעור.

אַ ביימל

דאָס יונגע ביימל בײַ מײַן הויז
וואַקסט אַ בוים אי שיין, אי גרויס.

די יונגע צווײַגן זײַנען גרין,
מיט אַ גלאַנץ פֿון זילבער דין.

עס קומט אַ ווינט און טוט אַ דריי
אַ ליכטיק בלעטל אָדער צוויי.

די זון קומט מיט אַ מאָל אַרײַן
און מאַכט פֿון דעם אַ בערגל שײַן.

אַ רעגן וואַשט עס פֿריש און ריין,
און לאָזט אַ הויפֿן פּערל שטיין.

דאָס שענסטע איז וואָס עס איז שיין.

אַ בוים אין שטאָט

ער איז געבליבן דאָ אַליין
פֿון גרויסן וואַלד.
הויך און ברייט און שיין,
מיט גראָבן שטאַם
וואו ס׳קען אַ שטורעם ברעכן דעם געניק.
מיט צווײַגן און מיט בלעטערוואַרג,
געגנוג
אויף אָנצינדן אַ שׂריפֿה אינעם רוים.

ער איז געבליבן דאָ אַליין
פֿון גרויסן וואַלד —
עס זאָלן ווילדע גאַסן אויף אים גיין
מיט וואָלקנס
טומל און געשריי.
עס זאָלן הײַזער הייבן זיך אויף אים
מיט כוואַליעס שטיין.
און ער זאָל שטיין,
הויך און ברייט און שיין,
אַליין.

גרינע שטילקייט

דער גרינער בוים וועט גיין מיט מיר
ביז צו דעם הויז, ביז צו דער טיר;
וועט איבערטרעטן לײַכט און העל
דעם חלל, וואָס דאַרף זײַן אַ שוועל;
וועט צווישן ראַדיאָ, לאָמפּ, טי־ווי,
אַ שמייכלענדיקער שטיין אין בלי.
און ווען מיך מאַטערט קלאַנג און שײַן —
וועט ער מײַן גרינע שטילקייט זײַן.

צו די פֿייגעלעך אַרום בראָדוויי

דערציילט די קינדער אײַערע, אַז זיי
דערציילן שפּעטער זין און טעכטער זאָלן:
ס'איז אַ געפֿאַר צו פֿליִען אויף בראָדוויי,
וואו ווילדע רעדער יאָגן איבער שטאָלן.

די פֿליגעלעך צעשפּרייטן ניט געקענט
האָט דאָס פֿאַרבלאָנדזשעטע, אוי וויי, אוי וויי!
עס האָט אַ ליכט געגעבן אַ פֿאַרבלענד,
עס איז אַ ראָד געלאָפֿן מיט געשריי.

פֿאַרזאָגט די קינדער אײַערע, אַז זיי,
די זין און טעכטער זאָלן זיי פֿאַרזאָגן:
ס'איז אַ געפֿאַר צו פֿליִען אויף בראָדוויי,
וואו ווילדע רעדער איבער שטאָלן יאָגן.

אַ מעווע

אַ וואָלקן לויערט אויף דער זון,
אַ ווינט אַ קאַלטער ציט.
איבער אויפֿגעוויגטן טײַך
אַ ווילדע מעווע פֿליט.

פֿון קלאָרן טאָג איז מיט אַ מאָל
די ליכטיקייט אַוועק.
די מעווע שרײַט און איר געשריי
איז פֿול מיט גרויסער שרעק.

אַ קליין פֿייגעלע

אַ פֿייגעלע, אַ ברעקעלע.
אינעם הימל טיף
קלינגט עס ווי אַ גלעקעלע:
ציף און ציף און ציף!

אַ פֿייגעלע, אַ ברעקעלע,
אַזוי קליין און שיין,
שאַרט עס מיטן עקעלע
אויפֿן הייסן שטיין.

אַ פֿייגעלע, אַ ברעקעלע,
אַ לעבעדיקע זאַך!
זוכט עס ברויט אַ ברעקעלע,
דעם שאָטן פֿון אַ דאַך.

אַ פֿייגעלע ביַים וואַסער

ווען די זון ווערט הייסער
פֿליט עס צו דעם טײַכל.
פֿאַלט אַראָפּ צום וואַסער
מיטן הייסן בײַכל.

ווײַל עס קען ניט שווימען,
פֿליוסקעט עס מיט פֿליגל.
ביז די פֿליגל, נאַסע,
גלאַנצן ווי אַ שפּיגל.

נאָך אַ מאָל, און ווידער,
אין דעם קילן טײַכל
טונקט עס אײַן די פֿליגל
און דאָס הייסע בײַכל.

אַנטקעגן זון

אין הויכן הימל שטייט די זון,
געננוי אין סאַמע מיט.
פֿון הויכן הימל גלײַך צו מיר
אַ פֿייגעלע, עס פֿליט.

אַנטקעגן זון דאָס פֿייגעלע
טאַנצט פֿריילעך אויפֿן גראָז:
טאַנצט מיט דעם אַן אַנדערס מיט,
די זעלבע גרייס ווי דאָס.

דאָס ערשטע איז אַ לעבעדיקס,
דאָס צווייטע — זײַנס אַ שאָטן,
וואָס איז ווי אין אַ ברודערל
אין אים אַרײַנגעראָטן.

שפּיציק שמאָל די פֿליגעלעך,
דאָס גופֿל רונדיק איז.
און ביידע האַלטן זיי זיך אָן
מיט ביידע קליינע פֿיס.

האָפּ־האָפּ־האָפּ! אַ טאַנץ, אַ שפּרונג,
אַ שאָקל מיטן קעפּל.
און גאָר געשטעלט זיך אויף מײַן שוך,
אַזוי ווי אויף אַ טרעפּל.

אַ דאַנק דיר, פֿריילעך פֿייגעלע,
אַ דאַנק פֿאַר דער מינוט!
דו האָסט גוט פֿאַרבראַכט אַ ווײַל.
און מיר געווען איז גוט.

צו אַ פֿייגעלע

אַ דאַנק דיר, פֿייגעלע, אַ גרויסן דאַנק,
וואָס ביסט געבליבן אויפֿן ווינטער דאָ.
מיר׳ן הערן אפֿשר דײַן געזאַנג
אויך אין אַ ווינטערדיקער קאַלטער שעה.

אויכעט ווינטערצײַט טוט אָפּט אַ שײַן
אין קאַלטן הימל אַ דערפֿרייטע זון.
און ווען דו טוליעסט זיך צום ברודער אײַן
ווערט אײַך אַ טראָפּן וואַרעמער דערפֿון.

האָב ניט מורא פֿאַר דער וועלט אין ווײַס,
פֿאַר בייזע ווינטן און פֿאַר שטאַרקע פֿרעסט.
גוטע מענטשן וועלן געבן שפּײַז,
אַ היים אַ וואַרעמע וועט זײַן די נעסט.

פֿייגעלעך און טויבן

קליינע פֿייגעלעך און גרויסע טויבן
לעבן אינעם קליינעם פּאַרק באַנאַנד.
מיר געפֿעלט עס. זיי לעבן שענער
ווי מיר, די מענטשן, אינעם גרויסן לאַנד.

די טויב איז גרויס, דאָס פֿייגעלע — אַ פּיצל,
די טויב — קאָליריק, דאָס פֿייגעלע איז גרוי;
פֿאַרביידן וואַרפֿט אַן אַלטער מאַן די ברעקלעך,
פֿאַר ביידן איז דער הימל בלוי.

קליינע פֿייגעלעך און גרויסע טויבן —
זיי קענען אויסקומען אין פֿריד:
און מיר, די מענטשן, מיר — די קלוגע מענטשן —
קענען ניט.

אַ ווײַסער פֿויגל

איך ווייס איר וועט מיר זאָגן:
דאָס איז קיין פֿויגל ניט.
דאָס איז די לבֿנה
ווײַס און שטיל און מיד.

זאָל זײַן, אַז די לבֿנה
רוט דאָס אויפֿן דאַך.
אַ זילבערנע לבֿנה
איז אויך אַ שיינע זאַך.

דער פּאָפּוגײַ

לאַכט ניט פֿון דעם פּאָפּוגײַ.
ער האָט צו זאָגן אײַך אַ סך.
איר וועט באַנעמען זאַכן נײַ,
ווען איר וועט ליב האָבן זײַן שפּראַך.

ער זאָגט אַ וואָרט, און אפֿשר צוויי,
פינטלט מיטן אייגל שיין.
און וואָס ער זאָגט אַרויס מיט זיי
קען יעדער גוטער מענטש פֿאַרשטיין.

און ווײַל ער קען ניט ריידן מער
איז אָפּגעהאַקט זײַן שטים, פֿאַרשעמט.
און יעדערער וואָס וויל נאָר, ער,
ער הערט זיך אײַן און ער באַנעמט.

זאַטע טויבן

זאַטע טויבן זיצן שטיל
אויפֿן ראַנד פֿון דאַך.
ריידן עפּעס מיט געפֿיל,
ריידן גאָר אַ סך.

באָסעס מאַכן אַ געשריי,
הייבן אויף אַ שטויב.
שטילער, שטילער ריידן זיי —
טויב צו טויב צו טויב.

הונגעריקע טויבן

זיי פֿליִען יעדן טאָג צו מיר
אַרויף אויף דעם קאַרניז.
מיט העלדזלעך גרוי און געל און גאָלד,
און מיט רויטע פֿיס.

זיי פֿאָכען מיט די פֿליגלען פֿרעך,
אין אַ ווילד געדראַנג.
איך וואַרף זיי פֿרישע ברעקלעך ברויט,
זיי וואָרקען ביז: אַ דאַנק.

אַ באַלעטל

כ׳בין ניט אַליין
אין קליינעם סקווערל:
אויף אַ שטיין
עס זיצט אַ שפּערל.

אַ ווינט טוט פֿלינק
אַ דריי אַ בלעטל.
אַ שמעטערלינג
טאַנצט אַ באַלעטל.

אָרעם פֿייגעלע

עס איז דאָס פֿייגעלע געלעגן
אויף די שטיינער לעבן בוים.
מיט אַ פֿליגעלע צעבראָכן,
מיטן שנעבעלע אין שוים.

כ׳האָב דאָס אָרעמע גענומען
און געבראַכט אַהיים צו זיך.
גיך געוואַשן, גיך פֿאַרבונדן,
וואַסער דעם געגעבן גיך.

איך אַליין האָב ניט געגעסן.
מיט קיין אויג ניט צוגעמאַכט —
פֿאַרן פֿייגעלע געבעטן
האָב איך ביז אין שפּעטער נאַכט.

אַ שפּין

אויפֿןביימל, אין אַ ווינקל,
האָט אַ פֿעטע מיאוסע שפּין
אויסגעשפּינט פֿון זיך אַ נעצל,
ווי פֿון שטראַלן ווײַס און דין.

איז אַ פֿליגעלע, אַ פֿאַרביקס,
אָנגעפֿלויגן פֿריילעך, שיין —
(איך געדענק נאָך ווי עס צאַפּלט,
איך געדענק נאָך דאָס געוויין.)

כ׳האָב אַרויסגעכאַפּט מײַן בלײַער,
געטאָן אין נעצל טיף אַ ריס —
עס איז די מיאוסע שפּין אַנטלאָפֿן
אויף די לאַנגע מיאוסע פֿיס.

אַ שײַבל

דאָס רונדע וואַסערל אין פּאַרק
איז אַ שײַבל צו דער ערד;
גראָזן, מאָכן, בלעטערוואַרג
זעסטו דאָרט, און ערד.

טיפֿער נאָך פֿאַראַן איז אויך
אַ הימל. פּונקט ווי דער
וואָס איבער דיר. אַ הימל הויך,
און רונד, און ליכטיק לער.

אינעם שײַבל צו דער ערד
זעסטו — קען דאָס זײַן?
עס שמייכלט אַ געזיכט פֿאַרטרערט,
און דאָס געזיכט איז — דײַנס.

די פֿײַערפֿליג

די פֿײַערפֿליג, ווי קליין זי איז,
טראָגט אַ לעמפּעלע מיט זיך.
אין דער פֿינצטער, ווען זי פֿליט,
צינדט זי אָן דאָס לעמפּל גיך.

אַז בײַם אָוונטיקן בוים
ניט דערלאַנגען זאָל זי זיך
בײַ אַ פּלויטל, בײַ אַ גראָז,
בײַ שפּאַצירנדיקע שיך.

כ׳וועל מײַן לערער פֿרעגן מאָרגן,
טאַקע מאָרגן אין דער פֿרי:
ווי אַזוי צינדט זי דאָס לעמפּל —
מיטן פֿליגל, מיט דער קני?

אַ מיידעלע מיט אַ שמעטערלינג בלעטער

אַ גרויסער געלער שמעטערלינג,
די פֿליגעלעך צעשפּרייט,
איז אָנגעפֿלויגן שטיל און גרינג
אויף איר ווײַסן קלייד.

איז דאָס אַ שמעטערלינג? אָ, ניין!
עס איז אַ שפּילקע גאָר!
אָ, ווי וואָלט געוועזן שיין
אַ צווייטע אין די האָר!

1. פֿרילינג

אויף אַ צווײַג אַ נאַקעטן,
אַ בלעטל פֿריש און דין.
באַלד וועט דאָס גאַנצע ביימעלע
זײַן אָנגעטאָן אין גרין.

באַלד וועט דאָס גאַנצע ביימעלע
זײַן פֿול מיט גרינע רייד.
ווילסט וויסן וואָס עס רעדט צו דיר —
הער אײַן זיך, שטילערהייט.

2. זומער

אין דער שטילקייט רוען זיי אין איינעם
באַק צו באַק.
די זון איז מיט אַ גלאַנץ אַ שיינעם,
דער רעגן איז געשמאַק.

בלאָזט אַ ווינטל פֿון די ווײַטן,
בלאָזט פֿון בלויע הויפֿן —
אויף אַלע זײַטן, אַלע זײַטן,
ווילן זיי אַנטלויפֿן.

3. האַרבסט

זיי האָבן אַלע שיין געלעבט
דאָס לעבן פֿון אַ בלאַט:
געהאַט די זון, געהאַט דעם טוי,
דאָס ליד פֿון ווינט געהאַט.

איצט פֿאַלן זיי צו דײַנע פֿיס
אָן זיפֿצן, אָן געוויין.
פֿונעם מיסט, מיט גאָלד און געל
זיי וועלן פֿינקלען שיין.

4. ווינטער

אַ שניי. אַ פֿראָסט. דער בוים פֿאַרשטאַרט.
קיין בלעטעלע ניטאָ.
פֿאַרבאָרגן בלויז אַ טראָפּן וואַרט
אין וואָרצל, אויפֿן דנאָ.

אַ קלײנער טראָפּן וואַרעמקייט,
זאַפֿטיקייט אַ טראָפּ.
אַ שניי. אַ פֿראָסט. און ווידער שטייט
דער בוים מיט גרינעם קאָפּ.

ערבֿ פֿרילינג

איבער פֿרישע יונגע גראָזן
ווינטלעך וואַרעמע שוין בלאָזן.
אַ דערפֿרייטע זון פֿון אויבן
וואַשט די דעכער, ווישט די שויבן.
אויף אַ בוים, נאָך אָן אַ קלייד,
זינגט אַ זינגערל מיט פֿרייד.

מער פּאָעט

דער הונט איז מער פּאָעט פֿון מיר:
בײַ טאָג יאָגט ער אַרום אין גראָז
נאָך יעדן געלן פֿלעק פֿון זון,
וואָס איז בײַ אים אַ געלער האָז.

אין אָוונט לאָזט אים ניט צו רו
לבֿנה אין דער בלאָער שויב:
זי שאַרט זיך איבער טיש און דיל
מיט ווײַסע פֿליגל פֿון אַ טויב.

די זון

איך טראָג זי אויפֿן שפּיץ פֿון שוך,
וואָס בליאַסקעט נײַאינק שפּאָגל.
איך נעם אַרויף זי אויפֿן בוך,
איך האַלט זי אויפֿן נאָגל.

זי זיצט אין פּאַרק דאָ בײַ מײַן זײַט,
אין מײַנע אויגן גליט זי,
ווער זאָגט עס אַז די זון איז ווײַט,
אַז ווײַטע הימלען היט זי?

ווײַנטרויבן

אויף אַ צווײַגל דאַר און דין
הענגט אַ בינטל טרערן.
יעדע טרער איז גרויס און גרין,
און פֿײַכטלעך ווי אַ שטערן.

ווער עס האָט געוויינט אַזוי
וויל איך בײַ זיי וויסן.
קושן זיי מײַן מויל, ווי טוי,
מיט אַ טעם, אַ זיסן.

האָניק

אין פֿלאַש מיט האָניק קוק אַרײַן:
דאָרט איז דאָ פֿון זון די שײַן.
דאָרטן איז פֿאַראַן דער גלי
פֿון דער הייסער בין אין פֿלי.
דער שמעק פֿון בלומען און פֿון גראָז,
די קילקייט פֿון אַ ווינטלס בלאָז —
ווי עמעצער פֿון זומער וואָלט
געמאַכט אַ פֿלאַש מיט זיסן גאָלד.

אַן איי

האָסטו באַטראַכט אַן איי אַמאָל?
גלאַט און גלאַנציק איז די שאָל,
צעברעכסט די שאָל — אַ בערגל שניי
ליגט אויפֿן טעלער ווי אַן איי.
אין בערגל מאַכסט אַ שפּעלטל בלויז —
אַ קליינע זון קוקט געל אַרויס.
ווי לאַנג די זון זאָל דאָ ניט שטיין —
דער שניי אַרום וועט ניט צעגיין.

עפּל

עס האָט געמוזט אַ רעגן פֿאַלן,
פֿון דער זון די הייסע שטראַלן,
עס האָט געמוזט זײַן גרינס און בלויס,
און שניי און ווינט און וויג און שטויס.
געוועזן איז בוים און בלאַט און בלי,
און פֿייגעלעך מיט פֿרייד און פֿלי.
געוועזן איז שרעק און נאַכט און נעפּל —
עס זאָלן זײַן אַצינד די עפּל.

אַ
גאָלדענע
טיר

כ׳בין ווידער געבליבן
מיטן זומער אַליין.
אויף שטויביקע גאַסן,
אויף גלייַקן שטיין.

כ׳האָב ניט קיין טענות.
דער הימל איז בלוי
אַזוי ווי בײַם ים דאָרט,
און ליכטיק אַזוי.

כ׳האָב ניט קיין טענות.
דער ווינט איז פֿון זײַד,
אַזוי ווי אויף פֿעלדער
וואָס בליִען גאָר ווײַט.

אויכעט די זון
איז אַ גוטע צו מיר:
דעם טאָג מאַכט זי צו
מיט אַ גאָלדענער טיר.

איין מינוט פֿון זומער

אויפֿן קליינעם בילדל
וואָס דו זעסט איז נאָר
איין מינוט פֿון זומער,
איין מינוט און גאָר.

אין דער מינוט, דער איינער,
וואָס עס טוט זיך אָפּ!
פֿונעם הויכן הימל
לאַכט אַ זון אַראָפּ.

רונדע גרינגע וואָלקנס
רוען ביַי איר קאָפּ,
און אַ רעגן וואַרעם
פֿאַלט פֿון זיי אַראָפּ.

זע נאָר וויפֿל קינדער!
ניט צוויי, ניט דריַי, ניט פֿיר!
מיט די הענט פֿאַרהויבן
לויפֿן זיי צו דיר.

גראָזן, בלומען, עפּל —
וואָס איז דאָ ניטאָ?
מיטן מויל צו ריידן
אויף אַ גאַנצער שעה!

אַ קוש

דעם אויגנבליק
ווען ס׳טוט אַ זומער־רעגנדל אַ זיפּל —
קוק אויף אַן איינציק גלאַנציק קײַלכל
וואָס פֿאַלט
צום גלאַטן פּנים פֿונעם וואַסער.

דאָרט ווערט באַלד
אַ קליינטשיק מײַלכל
מיט אַ פֿאַרריסן
ליפּל —
און דו געזען האָסט אַ קוש.

רעגן

אויף זילבערנע פֿיסלעך... האָט געטאַנצט דער רעגן.
(מאַני לייב)

פֿון אַ כמאַרקעלע באַגינען
האָט גענומען זילבער רינען.
וואַרעם זילבער, וואַרעם, ריין,
איבער גראָז און איבער שטיין.
האָט דער רעגן אָנגעשטעלט
נאַסע שעלעכלעך אַ וועלט.
פֿולע שעלעכלעך מיט שײַן
ווי מיט ריינעם, קלאָרן ווײַן.
האָט דער רעגן אויף געלאָזן
נאַסע יאַגעדעס אויף גראָזן.
ניט צום עסן, זייער לײַכט,
נאָר די ליפּן מאַכן פֿײַכט.

אַ האַלבער רעגן

אַ האַלבע גאַס אין רעגן,
אַ האַלבע גאַס אין שײַן.
מע גייט אַרויס פֿון רעגן,
מע גייט אין אים אַרײַן.

וואונדערן זיך מענטשן
וואָס גייען אויף דער גאַס:
אַ האַלבער וועג איז טרוקן,
אַ האַלבער וועג איז נאַס.

נאָר דער קלוגער נחום
זאָגט — ער ווייסט דעם סוד:
עס איז אַ האַלבער רעגן
געפֿאַלן אויף דער שטאָט.

אַ ליכטיקע ליפּ

דיביימער אָן בלעטער,
די לאָנקע אָן גראָזן.
ליידיקע ווינטן
בלאָזן און בלאָזן.

די פֿייגל פֿאַרפֿלויגן,
די מענטשן אַוועק.
דער הימל מיט וואָלקנס,
אַ פֿלעק אויף אַ פֿלעק.

און צווישן די וואָלקנס
פֿאַרטרויערט און טריב —
אַ ראַנד פֿון דער זון,
ווי אַ ליכטיקע ליפּ.

טראַכט ניט

װען ס'איז שניי און פראָסט און װינט —
טראַכט פון זומער ניט אַצינד.
טראַכט ניט פון די פעלדער גרין,
פון דער שװאַלב און פון דער בין.
טראַכט ניט פון אַ בוים, װאָס שטייט
אין אַ שײנעם בלעטערקלייד. —
נעמסט בײַ זיך אַװעק די רו,
נעמסט בײַם װינטער עפּעס צו.

זאַלן

אַ טיפער שניי איז אָנגעפאַלן,
און געמאַכט פון גאַסן — זאַלן.
װײַסע זאַלן, הויך און ברייט,
פול מיט בלויער ליכטיקייט.
שטייען איבער זיי צעשטעלט
שפיגלען אויסגעמאַכט פון קעלט,
שפיגלען פון געשליפן אײַז,
שפיגלען בלוי און שפיגלען װײַס.

דאָס הײַזעלע
פֿון
עדגאַר
עלען פּאָ
אין
די בראָנקס

דאָס הײַזעלע פֿון עדגאַר עלען פּאָ
ווערט טרויעריקער, נידעריקער, גראָ,
אַוועק איז פֿון דער וואַנט די קליינע
שוואַרצע קראָ.

אַמאָל, אַמאָל איז דאָ געווען אַ וואַלד,
אַ פּאַרק, אַ שיינער גאָרטן. באַלד
וועט בלײַבן טויטער טרוקענער אַספֿאַלט.

אין ווינקל גאָס עס האַלט זיך אָנעט קוים
בײַם שאָטן פֿון אַן אַלטן קראַנקן בוים,
פֿון לעצטער פֿרישער ערד בײַם שמאָלן זוים.

ווער טראַכט פֿון דעם? ווער קומט צו דעם
אַצינד?
ניט איך. ניט דו. ניט ער. אַ מאָל דער ווינט,
מיט ביכל אין דער האַנט אַ מאָל אַ קינד.

אַ מאָל אַ פֿויגל מיד פֿון לאַנגן פֿלי,
די איינזאַמע לבֿנה אין איר גלי
מיט בלייכן פּנים פֿון אַנאַבעל לי.

אַ
געשריבן
בריוול

אַ געשריבן בריוול
פֿון אַ ליבער האַנט
איז דיר זייער נאָענט,
אַזוי גוט באַקאַנט.

אַ געשריבן בריוול
אין ווײַסינקן קאָנווערט,
מיט געלט ניט צו באַצאָלן
וואָס עס האָט די ווערט!

צי עס קומט פֿון דאַנען
צי עס קומט פֿון דאָרט —
מיט דערפֿרייטע ליפּן
לייען וואָרט נאָך וואָרט.

איז פֿאַראַן דען עפּעס
וואָס איז ליבער דיר
ווי אַ וואָרט פֿון פֿרײַנדשאַפֿט
איבער ווײַס פּאַפּיר?

מײַנע
הענטשקעס
מיט
דער
האָזנפֿעל
Made in Spain

איך טראַכט אַצינד ווי שיין די זון פֿאַרגייט
אין שפּאַניע.
ווי שיין און שטיל עס איז פֿאַר נאַכט
אין שפּאַניע.
די הימלען אויבן זײַנען ריינער הימל.
די לאָנקעס אונטן זײַנען ריינע לאָנקע.
גאָט אַליין קוקט מיט אַ זוניק אויג,
און זעט עס זאָל קיין בייז ניט טרעפֿן
אין דעם שטילן שיינענדיקן
פֿאַרנאַכט.
מיט הויכע אויערן
איז אַ מידער האָז געקומען.
געקומען מיט אַ וואַרעם שטעגל
אין טאָל צום וואַסער:
ליגן אין דעם ווייכן גראָז,
קוקן אויפֿן גוטן הימל,
אויסשטרעקן די פֿיסלעך.
ער האָט געפֿילט די וואַרעמקייט פֿון געטלעך
אויג,
באַטראַכט די רואיקייט פֿון וועלטן גרויס
און אָפֿן
געזען זיך אין וואַסער פֿאַלן צו דעם הימל.
האָט ער דעם קנאַל געהערט ?
ווער קען וויסן.
הימלען, לאָנקעס האָבן אָנגעהויבן לויפֿן.
פֿון זוניק אויג איז בלויז אַ דינער ראַנד
געשטאַנען רויט.
פֿון ווײַסן בײַכל האָט געשפּאַרט אַ שקיעה,
אַראָפּגערונען טראָפּ נאָך טראָפּ
אין ווייכן גראָז.
די ווײַסקייט האָט מען צוגענומען.
זי וואַרעמט איצטער אין די הענטשקעס
מײַנע פֿינגער.

מײַן טאָכטערס ליאַלקע

אסתּר־רייזלען צום געבורטסטאָג

מײַן טאָכטער דאַרף זי ניט, זי איז שוין גרויס.
זי שטערט מײַן פֿרוי בײַם צוראַמען אין הויז.
זיצט זי איינזאַם צווישן וואַנט און וואַנט,
דעם שטערן אָנגעשפּאַרט אויף שטײַפֿער האַנט.

פֿאַרלאָזט האָט זי דער קליינער גוטער פֿרײַנד,
מיט פֿינגער וואַרעמע, מיט אייגעלעך צעשײַנט.
זי האָט איר קאָפּ געקעמט, דאָס פּנימל געגלעט,
גענומען זי בײַ נאַכט אין ווייכן ווײַסן בעט.

זי וואָלט געוויינט, ווען זי איז איך צי דו,
וואָס האָט אַ האַרץ און וואַרעם בלוט דערצו.
נאָר זי איז הויל. די גלידער אירע קאַלט.
דער לעצטער טויטער לאָק פֿון נאַקן פֿאַלט.

זי וואָלט געוויינט, נאָר ווײנען קען זי ניט.
איז ווען די נאַכט אַ טונקעלע פֿאַרציט
מיט גרויע שאָטנס וואַנט און בעט און דיל —
ווײנט עמעצער אין הויז. ווײנט לאַנג און שטיל.

איך הייב איר קעפּל אויף. איך טו אַ ריר
דאָס האַרטע פּנימל. זי קוקט אויף מיר
מיט גרויסע בלויע אויגן. און — איך שווער:
דאָס אויג בײַ איר איז ווי אַ גרויסע טרער.

ליכט
אויף
שבת

עס האָט געדענקט מײַן טאָכטער הײַנט
און געצונדן ליכט אויף שבת.
האָט מײַן פֿענצטער העל געשײַנט,
צו דער גאַס געשײַנט מיט שבת.

אין אַ ווינקל פֿון בראָדוויי,
וואו ס׳איז קיין מאָל ניט קיין שבת,
האָבן קליינע פֿלעמלעך צוויי
ווײַס געשמייכלט: שבת. שבת.

און די גאַס — אין טומל, שטויב,
וואָס זי ווייסט ניט פֿון קיין שבת,
האָט געלויכטן קעגן שויב
מיט אַ גאַנצן פֿענצטער שבת.

איך אַליין? פֿון סאָבוויי מיד,
מיד פֿון אומרו און ניט־שבת —
איך גיי אַהיים מיט גיכע טריט
צו מײַן טאָכטער און צום שבת.

לאָמפּן

איך האָב לאָמפּן דרײַ אין צימער.
איינער אויף אַ טישל שטייט,
אויף אַ ווײַסן קורצן פֿיסל,
מיט אַן אויפֿגעבלאָזן קלייד.

אויפֿן דיל אַ לאָמפּ אַ הויכער
שטייט אין ווינקעלע אַליין
און זײַן רונדער ווײַסער טעלער
שײַנט ווי די לבֿנה שיין.

צו דעם שרײַבטיש אָנגעבויגן,
וואו איך שרײַב אַצינד דאָס ליד,
קוקט אַן אויג דורך אַ בינאָקל,
קוקט אַ ליכטיק אויג און היט.

היט מיך איך זאָל שרײַבן לידער,
לידער שפּילעוודיק און שיין.
עס זאָל אַלעמען געפֿעלן,
אַלעמען: סײַ גרויס, סײַ קליין.

דער שטיינערנער פלויט

דער שטיינערנער פלויט אַרום פּאַרק, אָט
דער שטיינערנער פלויט!
ער איז אים אַ האַרטע, אַ גראָבע, אַ פֿינצטערע הויט.
ער לאָזט ניט די זון זאָל באַאָטעמען ליכטיק
דאָס גראָז,
ער לאָזט ניט די ווינטעלעך טאָן איבער
קוסטעס אַ בלאָז.

דער שטיינערנער פלויט אַרום פּאַרק, אָט
דער שטיינערנער פלויט!
ער ווייסט ניט פֿון בלוי וואָס איז פֿריש, ניט
פֿון וואַרעמען רויט.
עס קריכט דער פֿרימאָרגן פֿאַרמאַטערט
אין שווייסיקן בלוי,
די שקיעה פֿאַלט אום איבער אים און גייט
אויס אינעם גרוי.

דער שטיינערנער פלויט אַרום פּאַרק, אָט
דער שטיינערנער פלויט!
עס האָט אים אַ בייזע, אַ דראָאיקע האַנט
אויפֿגעבויט.
געוואָלט האָט די האַנט דאָ זאָל אייביק זײַן
פּחד און נאַכט,
פֿאַר ווערעם און פֿליגן און גיפֿטיקע גראָזן
אַ טראַכט.

דער שטיינערנער פלויט אַרום פּאַרק, אָט
דער שטיינערנער פלויט!
עס האָט מיר דער ליכטיקער הימל אַ סוד
אויפֿן אויער פֿאַרטרויט:
ער ברעכט זיך, דער שטיינערנער פלויט, און
ער פּלאַצט און צעפֿאַלט,
פֿרײַ וועט דער פּאַרק זײַן פֿאַר זון און פֿאַר
ווינטעלעך באַלד!

מײַן
וואַזאָנע

אין אַ וועלט פֿון גרינע בלעטער
שטייט זי אין דער נאַכט אַליין.
ניט זי הערט דעם ראַדיאָ שפּילן,
ניט זי זעט דעם זייגער גיין.

אין אַ וועלט פֿון גרינע בלעטער
הערט זי ווי עס זינגט דער ווינט.
ווי אַ וואַסערל, באַהאַלטן
צווישן גראָזן, רינט און רינט.

אין אַ וועלט פֿון גרינע בלעטער
זעט זי הימלען גרויס און בלוי,
זון, לבֿנה, שטערן פֿאַלן
ווי די ווײַסע טראָפּנס טוי.

און זי זעט ניט, אַז דער דיכטער
בײַ אַ טישעלע מיט שײַן
קוקט אַ ווײַטער, אַ פֿאַרגאַפֿטער,
פֿון אַן אַנדער וועלט אַרײַן.

צו
דער
לבֿנה

ווען גרויסע שיפֿן וועלן צו דיר פֿליִען גיך,
ווען פֿליִען וועלן צו דיר ליכטיקע ראַקעטן —
אין די ביכער וועלן מענטשן זוכן דיך,
אין די לידער פֿון פֿאַרגעסענע פּאָעטן.

מיט לאָמפּן וועסטו זײַן באַהאַנגען, קרײַז נאָך קרײַז,
מיט זינגענדיקע בריקן, קאַרוסעלן —
נאָר מענטשן וועלן דיך באַגערן קליין און ווײַס,
נאָר מענטשן וועלן דיך אַ שטילע וועלן.

אַזאַ ווי ביסט געווען אַמאָל, אַמאָל, אַמאָל,
אַליין מיט שטערן אין די פֿרײַע הייכן.
און האָסט געשוויגן איבער שטאָט און באַרג און טאָל,
און האָסט געשמייכלט מיט אַ קלוגן שמייכל.

אַזאַ ווי ביסט געווען אין ריינעם בלויען קלייד
צו אונדז מיט גוטן פּנים אָנגעבויגן.
און אונדז געגעבן אויף די ליפּן גוטע רייד,
און אונדז געגעבן ליבשאַפֿט אין די אויגן.

דערפֿאַר מײַן ליד צו דיר. עס איז מיר ליב דײַן שײַן,
און ליב די אַלטע אויסגעבלייכטע שטראַלן.
אָן זיי וועט אין דער נאַכט אַ שאָטן מערער זײַן,
אַ טרויער מערער וועט אויף מענטשן פֿאַלן.

ווידער: די לבֿנה

און כאָטש מע האָט באַטראָכט זי
מיט שטאַרקע פֿרעכע פּיס —
איר פּנים פֿון אַ מלאך איז,
און שמייכלט צו אונדז זיס.

און כאָטש מיר ווייסן, אַז זי איז
פֿון אורן ערשטן שטיין —
זי איז נאָך אַלץ אַ ליכטיקע,
ווי אַ לבֿנה שיין.

און ווער עס האָט אַ שטיל געמיט,
און ווער נאָך רו עס האָט —
זעט אַלץ אין נעכט לבֿנהדיקע
אַ רונדן ווײַסן סוד.

דאָס הויז פֿון די פּאַראײניקטע פֿעלקער אין ניו־יאָרק

אויף דעם אינדזל פֿון מאַנהעטן
שטייט אַ ברייט און ליכטיק הויז.
פֿענצטערלעך פֿון בײדע זײַטן
קוקן צו דער וועלט אַרויס.

אויפֿן הויף דאָרט — פֿאָנען, פֿאָנען,
פֿון די לענדער אַלערליי.
זאָגן זיי זיך: שלום, שלום,
ווען אַ ווינטל קומט צו זיי.

נאָר דער שלום, אַ פֿאַרשעמטער,
זיצט געבויגן צו דער ערד.
ווײַל די שפּיזן זײַנען שפּיזן,
ווײַל די שווערד איז אַלץ אַ שווערד.

ווײַל עס שיסן די קאַנאָנען,
און עס פֿאַלן באָמבעס בייז,
פֿאַלט אַ טרער פֿון זײַנע אויגן
אויף די שטיינער, גרויס און הייס.

און אַרום די פֿאָנען, פֿאָנען,
פֿון די לענדער אַלערליי
זאָגן שטיל זיך: שלום, שלום,
ווען אַ ווינטל קומט צו זיי.

האָריזאָנטן

שטענדיק ברענען האָריזאָנטן, שטענדיק.
אַ האַלבער הימל איז געווען אין פלאַם,
ווען מאַמע האָט געטראָגן מיך צום וועלדל, —
איצטער ברענען הימלען אין וויעטנאַם.

שטענדיק ברענען האָריזאָנטן, שטענדיק.
שטענדיק כאַפּט אַ פֿײַער אָן די נאַכט.
ניט וואָס די שקיעה מאַכט, ניט די לבֿנה —
דאָס האָבן מענטשן אַזאַ סוד פֿאַרטראַכט:

אַז שוואַרצע פֿעסער זאָלן פֿינצטער פּלאַצן,
און שרעק זאָל רינען, הייסע, רויטע שרעק;
אַז מאַמעס זאָלן לויפֿן צו די וועלדער,
אַז קינדער זאָלן וויינען אויפֿן וועג.

*THE HOUSE WITH NOBODY IN IT**

כ׳האָבֿ הײַנט געלייענט קילמערס ליד פֿון אַ
פֿאַרלאָזן הויז,
אַ הויז, וואו קיינער גייט ניט דאָרט אַרײַן און
ניט אַרויס.
כ׳האָבֿ הײַזער טראַגישע, ווי דאָס, געזען שוין
אַ סך:
איין הויז האָט ניט געהאַט קיין וואַנט, דאָס
צווייטע ניט קיין דאַך.
פֿון דריטן האָט דורך האַלבער טיר אַ בֿרוינער
רויך געשפּאַרט —
נאָר מיך האָט דעמאָלט ניט געאַרט, קיין בּיסל
ניט געאַרט.
כ׳האָבֿ אויכעט ניט געטראַכט פֿון דעם, אַז
עמעצער אין הויז
לויפֿט ווילד, קאָן זײַן, אַרום אין פֿלאַם, און
קען שוין ניט אַרויס.
און רײַסט די ליים פֿון הייסער וואַנט, און
רײַסט פֿון זיך דאָס קלייד,
און זעט דאָס פֿײַער בײַ די פֿיס, צעבֿושעוועט
און גרייט.
כ׳האָבֿ דעמאָלט ניט געטראַכט פֿון דעם. איך
האָב געטראַכט פֿון זיך,
ווי איך זאָל פֿון דער שטאָט אַוועק, אַנטלויפֿן
ווי זאָל איך
פֿון הייסן הימל, וואָס איז פֿול מיט גלאַנץ פֿון
אַלומין,

פֿון האַלבן הויף, וואו בלויע ליכטלעך פֿאַלן
שלאַנק און דין.
נאָר היינט, נאָר היינט — אַ ווייטער שוין מיט
פֿערצן יאָר פֿון דאַן —
ווען כ'בין געזעסן מיטן בוך אין יאָגנדיקן
באַן —
האָט פלוצעם מיר דאָס האַרץ פֿאַרקלעמט אויף
אָט דעם שטילן הויז,
דאָס הויז וואו קיינער גייט ניט דאָרט אַריין
און ניט אַרויס.
עס האָבן מיך געאַרט די ווענט וואָס זיינען
הויל און גאַנץ,
דאָס פֿענצטער, וואָס דאַרף האָבן פֿון אַ שטיקל
שויב דעם גלאַנץ,
עס האָט מיר ווי געטאָן די איינזאַמקייט פֿון
אַלטן אַלטן שטיין,
דער עלנט פֿונעם ווייַנגאָרטן, וואָס איז אַליין,
אַליין.
און לאַנג און לאַנג האָב איך געטראַכט פֿון
יענע ווייטע טעג,
ווען כ'בין אַ חיה בלויז געווען, אַ חיה בלויז
אין שרעק.
און כ'האָב געבענטשט דאָס ליד פֿון הויז, פֿון
דעם פֿאַרלאָזן הויז,
וואו קיינער, קיינער גייט ניט דאָרט אַריין און
ניט אַרויס.

* דער נאָמען פֿון אַ ליד פֿונעם אַמעריקאַנער פּאָעט
דזשויס קילמער.

ווײל
איך
גײן

ווײל איך גײן און קויפֿן זאַכן:
אַ פּאָר שיך, אַ העמד, אַ סוועטער.
כ׳ווײל פֿון דעם אַ פּעקל מאַכן,
שיקן צו מײַן ברודער ברוך.
באַלד קומט אָן דער נאַסער וועטער:
זאָלן אים די פֿיס זײַן טרוקן,
זאָל ניט בלאָזן אים אין רוקן, —
איז פֿאַרברענט מײַן ברודער ברוך.

ווײל איך גײן און קויפֿן זאַכן:
מעל און צוקער, אײער־פּודער,
וועט ער זיך אַ מאָלצײַט מאַכן
אין זײַן אָרעם צימער, ברוך.
וועט אַ שמײכל טאָן אַ פֿינקל
אין אַן אויג בײַ אים, אין ווינקל, —
איז פֿאַרברענט מײַן ברודער ברוך.

ווײל איך גײן אַ בריוול שרײַבן:
ברודער, לײַבלעכער, געטרײַער,
איך האָב אַזוי פֿיל דיר צו שרײַבן
פֿון דעם לאַנד אַמעריקע, ברוך.
פֿון אַ היים פֿאַר אונדז אַ נײַער,
פֿון מײַן טאָכטערס לאַנגע וויִעס,
פֿון מײַן זון מיט דײַנע תּנועות, —
איז פֿאַרברענט מײַן ברודער ברוך.

אַ גאַסט

אויפֿגעפּוצטער צימער.
לאָמפּן. ווײַן. געשיר.
אַזאַ שווערער שווײַגן
צווישן גאַסט און מיר.

מיר זײַנען פֿרײַנד געוועזן
מיט ווײַטע וועלטן קריק.
איצט קאָן זיך ניט דערבעטן
מײַן בליק פֿון אים אַ בליק.

צוגערוקט די שטולן
מיר זיצן פֿרעמדע צוויי.
אונטער טיפֿע גאָרנס
רעדט און רעדט בראָדוויי.

געדענקסטו דזשיקע ? פֿרעג איך,
ער קוקט אין טעלער שטאַר.
און מאַטערט מיט די פֿינגער
דעם ניט גערויכערטן ציגאַר.

דער ווײַן שטייט ניט געטרונקען,
אַ שטילקייט איז אין קיך.
ער איז געווען אין אוישוויץ,
וואו ניט געווען בין איך.

וועמען וועלן מיר פֿאַרבעטן ?

וועמען וועלן מיר פֿאַרבעטן, וועמען,
צו דער חתונה, זאָג טאַטע, וועמען ?
ווער וועט טרינקען פֿון די שיינע גלעזער,
ווער וועט פֿונעם פֿרישן לעקעך נעמען ?

זאָרג ניט, דאגה ניט, זיי וועלן קומען,
אַלע נאָענטע און אַלע ליבע.
פֿון די הימלען איבער פּוסטן פּוילן,
פֿון אוקראַינע פֿון די פֿולע גריבער.

ניט מיט שיפֿן, ניט מיט עראָפּלאַנען —
זיי זײַנען רויכעלעך, זיי זײַנען שטויבן.
צו דער שמחה, אין אַ שעה באַשערטער,
זיי וועלן אָנקומען צו העלע שויבן.

שטויב צו שטויב — עס וואַקסן אויס געשטאַלטן,
רויכלעך צייכענען אַ פּלייצע, פּנים.
קיינער זעט זיי ניט. ניט חתן־כּלה,
קיינער, קיינער פֿון די מחותּנים.

זיי שטרעקן פֿינגער צו די שיינע גלעזער,
שטרעקן פֿינגער צו דעם לעקעך פֿרישן. —
און אַ ליכטיקייט וועט זײַן אין צימער,
און אַ פֿרייד אַרום די פֿולע טישן.

פונעם ווייטן

ווייטן שטעטל

פֿונעם ווײַטן ווײַטן שטעטל

ניין, ניט טרויעריק געווען
איז אין ווײַטן ווײַטן שטעטל,
וואו געשטאַנען איז דעם זיידנס
און דער באָבעס אָרעם בעטל.

בלויע הימלען, גרויע הימלען,
קלאָרער שניי און גוטער רעגן;
און אַ זון, לבֿנה, שטערן,
שמייכלען אַלעמען אַנטקעגן.

בײַ דעם בעטל זיצט די מאַמע
מיט אַ שײַן פֿון פֿרייד אין אויגן;
אויף איר אַקסל שטייט די פּאַווע
פֿון דער מעשה אָנגעפֿלויגן.

אויף אַ ציגעלע, אַ ליכטיקס,
רוט אַ שטילס בײַ אירע פֿיס.
און דעם יינגעלע איז פֿריילעך
און דעם מיידעלע איז זיס.

ווילסטו לאַכן? נעם דאָס ביכל
מיט דער מעשה פֿונעם קוואַס.
דו וועסט לאַכן, אַז די אויגן
וועלן זײַן פֿון טרערן נאַס.

ווילסטו טראַכטן? נעם און לייען
פֿונעם רבֿ, וואָס גייט אין וואַלד
ביימלעך האַקן. אַז דער קראַנקער
זאָל אין שטיבל זײַן ניט קאַלט.

ווילסטו זעען בלויע שיפֿן,
הערן שטילע בלויע רייד? —
זאָג אַ ליד פֿון מאַני לייבן
ווען דער טאָג פֿאַרגייט.

סעמינאַריסטן
פֿון
ווילנע

זיי האָבן פֿײַנט געהאַט קראַוואַטן און ליב
געהאַט דעם גלאַנץ פֿון אָפּגעפּוצטע שיך,
מיט די פֿינגער פֿלעגן זיי זיך קעמען די
טשופּרינעס.
מיר האָבן שטענדיק זיי געזען מיט די ביכער,
אין דער גיך
צו דער בריק אַוועקגיין, צו די נײַע שינעס.

דאָרט האָבן זיי צו צוויי, צו דרײַ, געזעצט זיך
לעבן געלן וועג,
געצופּט די בלעטלעך פֿון אַ בלום און אויף
פּאַפּיר געמאָלן.
שפּעטער זײַנען זיי אַרומגעלאָפֿן אין אַ ווילד
געיעג,
געשריגן צו פֿערד און צו די פֿייגלען אין
די טאָלן.

צוריקגעקומען זײַנען זיי אין שטעטל שטילע,
ווײַטע,
גערעדט פֿון קולבאַקן און פֿון דער באָבעס
תּחינות.
מיט די שטערנס האָבן זיי געשמייכלט, האַלב
ערנסטע, האַלב פֿאַרשײַטע,
און מיט די פֿינגער קלוג געקעמט זיך די
טשופּרינעס.

צום לערנען האָבן זיי די שול געהאָלפֿן מאַכן גרייט,
געטראָגן ביכער און די בענק געשלעפּט אויף זיך.
זיי האָבן צו דעם קליינטשיקוואַרג גערעדט מיט גוטע רייד.
דערבײַ געריבן אין די הויזן די פֿאַרשטויבטע שיך.

ווען נאָך וואַקאַציע זײַנען זיי אַוועק קיין ווילנע צריק,
איז פֿונעם שטעטל מער ווי אַ פּאָר בחורים אַוועק.
געבליבן זײַנען טרויעריק די פֿערד, די פֿייגל, אויך די בריק,
און ניט דערגאַנגען צו די שינעס איז דער געלער וועג.

טרויעריק
און
שיין

וואָס איך האָב געזעען,
זע איך היַינט ניט מער:
די ליכטיקע לבֿנה
איז אַ גרויסע טרער.

אויפֿן דאַך אַנטקעגן
גלאַנצט דאָס ווײַסע בלעך.
אין די קליינע שויבֿן
שוויַיגן שטערנדלעך.

און אין הויז מיַין חבֿר
בײַ אַ ליכטל קליין
בייגט דעם קאָפּ צום ביכל —
טרויעריק און שיין.

דער שפּיגל

איר וועט ניט קריגן היַינט אַזאַ אַנטיקל,
כאָטש גאַנץ בראָדוויי און דריטע עוועניו גייט אויס.
איך מיין דעם שפּיגל מיטן פוס פון ניקל,
וואָס איז געווען אַמאָל ביַי אונדז אין הויז.

ער איז געווען פּירעקיק, מיט אַ רויטן רעמל,
געשליפן ביַי די ראַנדן, ריין און גאַנץ.
לעבן פענצטער, וואו דאָס בערשטל־קעמל,
האָט ער געלויכטן מיט אַ בלויען גלאַנץ.

מיַין שוועסטער האָט פּאַרטרויט צו אים איר פּנים,
מיַין ברודער האָט אים איַינגערוימט זיַין ליד.
און איך — אַ קליינער — אָנעם שפּיגל, אָן אים
וואָלט מיַין געמיט געווען אַ שווער געמיט.

ער האָט פון זוניקע, פון הימלבלויע טיפן
געוואָרפן פייגל צו דער וויַיסער וואַנט.
זיי פלעגן אויף מיַין פּנים וואָרעם שטיפן,
איך פלעג זיי כאַפּן מיט דער הוילער האַנט.

איך האָב געשפּילט זיך מיטן העלן שימער
ווי עס וואָלטן טאַקע פייגל זיַין
פון אַ גאָלד־קאָליר. ביז אינעם צימער
איז אַ טונקעלער פאַרנאַכט אַריַין.

י. ל. פרץ

אין קאַלטע צימערן פֿון שול,
מיט פֿראָסט אויף ווענט און שויבן,
האָט ער דערציילט פֿון זונענשײַן
און פֿליִענדיקע טויבן,
פֿון גרינע ביימעלעך אין פֿעלד,
פֿון האָפֿן און פֿון גלויבן.

ער האָט דערציילט פֿון רענדלעך גאָלד
וואָס וואַרטן אין אַ גריבל,
פֿון רבין וואָס ער האָט אַ פֿלאָם
צעלייגט אין קאַלטן שטיבל,
פֿון שטילע מענטשן, אָרעמע,
אָן טענות און פֿאַראיבל.

אין קאַלטע צימערן פֿון שול,
בײַ קינדער האַלב געפֿראָרן
געשמייכלט האָבן ליפּן שיין,
און וואַרעמער געוואָרן.
און ס'האָט אַ ווײַטע, ווײַטע פֿרייד
געבלאָזן אין איר האָרן.

אַ
סדר
אין
געטאָ

פֿון אַלע אין קעלער, עס זײַנען געבליבן,
עס זײַנען געבליבן נאָר דרײַ:
אַ טאַטע, אַ מאַמע, איין ייִנגל פֿון זיבן,
צו פּראַווען דעם סדר אויף ס׳נײַ.

אויף קויטיקן טישטעך דרײַ ליידיקע טעלער,
אַ פֿינצטערע מצה אין מיט.
אין דרויסן פֿון בלייכן דערשראָקענעם קעלער
דער טויט שפּאַנט מיט נאַצישע טריט.

נאָר זיי, מיט די אַלטע הגדות אין האַנט,
וואָס ווייסן פֿון שרעק איצט די דרײַ?
זיי זײַנען אַרויס שוין פֿון ביטערן לאַנד,
ווי פּרינצן, דערפֿרייטע און פֿרײַ.

באַלד וועט דער פֿערטער נאָך קומען אין ריי,
אָט דער וואָס פֿאַרפֿעלט ניט צו קומען.
מיט ליכטיקע אויגן וועט ער איבער זיי
אַ ברכה אַ ליכטיקע ברומען.

איז זעען זיי אַלע מיט אויגן פֿאַרמאַכט:
אָט גייט אליהו דער ליבער,
אַרום איז אַ שטילע, מיט יום־טובֿ, די נאַכט,
און ליכט איז אין ייִדישע שטיבער.

מײַן באָבע מאַכט פּײַער

די נאַסע שײַטלעך האָלץ צעלייגט
מיט דאַרע טרייסלענדיקע פֿינגער.
מײַן באָבע בייגט אַרײַן דאָס פּנים אין די פּיסלעך
און בלאָזט און בלאָזט מיט אויפֿגעשאַרטע ליפּן.
זי וויל דאָס שמאָלע בלייכע צינגל
זאָל ווערן רירעוודיקער, ברייטער, רויטער,
עס זאָל אַ פֿלאַמיקן, אַ רונדן לעק טאָן
דאָס קאָלטע טעפּל.
עס רוקט אַראָפּ זיך פֿון איר קאָפּ דאָס טיכל,
דאָס קלייד איז אויפֿגעטרייסלט,
גלײַך דאָס קלייד וואָלט אויך געהאָלפֿן בלאָזן.
די באָבע ווייסט ניט, אַז אַרום איר מויל
איז סאַזשע.
אַז פֿונעם שטערן שלאָגט אַ שווייס אַרויס,
ווי פֿון די טליִענדיקע שײַטלעך.
אָ, מײַן באָבע,
ווי דער נביא איז צום קאָלטן ייִנגל
צוגעפֿאַלן,
ליגט זי מיטן טרייסלענדיקן קליינעם קערפּער
אויף דער פּליטע.
דאָס טעפּל וואַרעמט זי
מיט שווערן אָטעם,
זי טוט אַרײַן אין דעם
דאָס פּנים.
און בײַ די פּיסלעך לויכטן מיט אַ פֿײַכטער
רויטקייט

— אירע הענט
צוויי דאַרע שײַטלעך.

עפּל

איך האָב דערמאָנט זיך היינט דער באָבעס עפּל,
געבאַקענע אין אויוון אויף אַ בלעך.
אָ, ווי שטאַרק איך בין אין כּעס געוועזן
אויף מײַן באָבען!
וואָס האָט זי געטאָן מיט זיי?
וואָס האָט זי געמאַכט פֿון זיי?
ווי אין די ביכלעך פֿון דער ביבליאָטעק
האָט זי די גרויסע שמעקעדיקע עפּל
אַ כּישוף אָפּגעטאָן:
זי האָט זיי אײַנגעשרומפּן.
די גלאַטע בעקעלעך צעקנייטשט,
געמאַכט זיי בלייך,
געמאַכט זיי אַלט.
איך שטיקער הויט פֿון זיי אַראָפּגעריסן.
די אָרעמע!
אַזאַ מין היץ אַריבערטראָגן!
ווער איז דאָס געטראָטן איבער זיי
אויף לאַנגער שוואַרצער בייט,
אַז דאָ און דאָרט איז זיי דער אינגעווייד אַרויס?
אויב ווייניק נאָך —
האָט זי די הייסע וואונדן זייערע דערנאָך
געדיכט באַשאָטן
מיט דינעם דראָבנעם
מעלעץ.
ווי לאַנג קען זײַן אין כּעס אַ זיבניאָריקער,
ווען ס׳קלעמט בײַם לעפּעלע דער הונגער?
באַלד האָב איך אַזאַ צעשעדיקטן
געהאַלטן אין די פֿינגער,
אַרײַנגעטאָן די ציינדעלעך אין אים —
און עס איז אַ וואַרעמער אַ זיסער פֿאַרגעניגן
גערונען איבער מײַנע ליפּן.

קיכלעך

מײַן באָבעס קיכלעך!
די װײַסע מעל האָט זי פֿאַרקנאָטן שפּעט בײַ נאַכט
מיט װאַסער,
און מיט דער שײַן פֿון אָפּגעפּוצטן לעמפּל.
פֿון טיפֿער שיסל
האָט דאָס טײג געמאַכט צו מיר מיט אירע
פֿינגער,
געשמײכלט
מיט די קנײטשן פֿון איר גוטן פּנים.
נאָכן קנעטן
האָט זי אַרויפֿגעטאָן אויף דעם
אַ װאַרעם בערגל
שאָטנס,
פֿאַרװיקלט אין אַ האַנטעך.
אויף מאָרגן
האָבן אינעם אויװן ברוין געלויכטן
געפֿאַלדעװעטע קיכלעך,
װי פֿלאַכע היגלען נאָך אַ זונפֿאַרגאַנג.
מיט אָפּגערוטע הענט,
שױן אָנגעטאָן אין װײַסע שבתדיקע אַרבל,
האָט זי די לאַנגע בלעך אַרויסגעשאַרט.
די קיכלעך האָבן הײס געשמעקט,
און זיס,
מיך אָנגעקוקט
מיט גוטינקע געקנײטשטע פּנימלעך,
דער באָבעס.

מיר
בענקט זיך
נאָך
אַ ייִנגעלע
פֿון פוילן

און מיר —
מיר בענקט זיך נאָך אַ ייִנגעלע פֿון פוילן,
אין הייזעלעך פֿון קאָרט,
אין שיכעלעך מיט לעכערדיקע זוילן.
אַ ייִנגעלע וואָס לויפֿט גאַנץ פֿרי אין שול
מיט דעם שאַסיי.
ער האָט אין טעקע:
אַ שטיקל ברויט מיט אייל,
די פֿרייד פֿון מאָטלען און אַ קעלבלס מעקע.
מיר בענקט זיך נאָך אַ ייִנגעלע פֿון פוילן,
אַ ייִדיש ייִנגעלע,
וואָס הערט אין קלאַס די ווערטער פֿון בן אמוץ,
און זעט אַ לאַנד אין גאָלד פֿון זאַמד און זון,
מיט שטעט און דערפֿעלעך אין אַ קאָליר
פֿון מילך,
און זעט אַ שלווהדיקן באַרג
אין בלוי און גרין,
מיט אַ שאָסיי.
און אַלע מענטשן גייען דאָרט אַהין,
דאָס גאַנצע שטעטל גייט
מיט דעם שאָסיי:
די גויים פֿון דער פֿאָרשטאָט, די ייִדן פֿונעם
מאַרק.
און איבער זייַנע גלידער רינט אַ האָניקדיקע
פֿרייד.

***

און מיר —
מיר בענקט זיך נאָך אַ ייִנגעלע פֿון פּוילן,
אַ נאַריש ייִנגעלע,
וואָס זיצט אַליין בײַ אָוונטיקער שויב.
אַליין מיט דער לבֿנה.
זי שמייכלט, שמייכלט ווײַס און שיין,
ווי געשמייכלט וואָלט צו אים די מאַמע.
ער ווייסט, אַז דאָרטן זײַנען דאָ קאַנאַלן,
זיי זײַנען בלוי,
און בלויע שיינע שיפֿלעך שווימען איבער זיי
מיט זעגלען
ווי אָנגעבלאָזענע לבֿנות.
ער ווייסט, אַז מאָרגן וועט ער אויפֿשטעלן
דעם לייטער,
דעם הויכן לייטער פֿון די פֿײַערלעשער,
און אויפֿן לייטער נאָך איינעם, און נאָך, און
נאָך אַ לייטער,
ביז ער וועט אָנכאַפּן אַ שיפֿל
וואו עס זיצט
די מאַמע.
די מאַמע טאַקע וואָס וועט שמייכלען,
ווי עס שמייכלט ווײַס און שיין אין פֿענצטער
די לבֿנה.

פֿאַר דער ייִדישער שול

נעם אין האַנט דאָס קליינע דריידל

נעם אין האַנט דאָס קליינע דריידל,
נעם עס אָן מיט פֿינגער צוויי.
אויפֿן טישל, זייער איידל,
גיבֿ עס פֿלינק אַ שטאַרקן דריי.

עס וועט לויפֿן מיטן פּיסל
אין אַ רעדל, בּרייט און ווײַט.
עס וועט לויפֿן, אַ קליין בּיסל
אָנגעבֿויגן אויף אַ זײַט.

גיכער, גיכער, קוים צו כאַפּן
מיט דעם אויג דאָס בּרעקל ווינט.
און דײַן האַרץ וועט קלאַפּן, קלאַפּן:
ווער פֿאַרשפּילט, און ווער געווינט?

טראַכט ניט ווער איז דער געווינער,
ווער וועט האָבֿן פּענים מיין.
זע דאָס דריידל! העכער, דינער,
אויף איין אָרט עס דרייט זיך שיין.

אויף איין אָרט בּלויז, אויף איין פּינטל
שאָקלט זיך עס מיט אַ פֿרייד.
עס זעט אויס: אַ גאַנצער בּינטל
דריידלעך וואָלט זיך דאָ געדרייט.

נאָך דעם נעמט עס גיך זיך וויגן,
בּייגן זיך אַהין, אַהער.
בּיז עס בּלײַבּט אַ וואַרעמס ליגן,
און קיין ציטער טוט ניט מער.

איצטער קוק: איז ג? ה איז?
שלעכטער ש? צי אפֿשר נ?
נעם דאָס דריידל ווידער, דריי עס,
און הנאה האָבֿ דערפֿון!

מײַן
קורצע
מגילה

איך וועל אײַך דערציילן
די לאַנגע מגילה
אין עטלעכע סטראָפֿן,
קיין צען ניט אַפֿילו.

דער קעניג פֿון לאַנד
האָט אַ סעודה געמאַכט,
האָבן אַלע געגעסן,
געטרונקען, געלאַכט.

האָט דער קעניג געהייסן
זײַן מלכּה באַשטראָפֿן.
(איר ווייסט דאָך אַליין
וואָס מיט איר האָט געטראָפֿן).

פֿון דאַן האָט מיט מרדכין
די מעשׂה צו טאָן,
מיט אסתּר המלכּה,
וואָס זיצט אויפֿן טראָן.

בּיז איין מאָל בּײַ נאַכט.
קען דער קעניג ניט שלאָפֿן.
(איר ווייסט דאָך אַליין
וואָס דערנאָך האָט געטראָפֿן).

אסתּר וואָלט רואיק
געלעבּט יאָר נאָך יאָר,
ווען ניט דער מיניסטער,
אַ רשע בּיז גאָר.

ער האָט פֿאַר די ייִדן
געפּלאַנט שלעכטע סופֿן.
(איר ווייסט דאָך אַליין
וואָס מיט אים האָט געטראָפֿן).

צום סוף האָבּן ייִדן
אַ סעודה געמאַכט,
געגעסן, געטרונקען,
געזונגען, געלאַכט.

דאָ וועל איך אויפֿהערן
זאָגן די סטראָפֿן.
(איר ווייסט דאָך אַליין :
מער האָט גאָר ניט געטראָפֿן).

ייִדישע פּאַרטיזאַנען

— מאַמע, זאָג מיר, ווער געווען
זײַנען דאָס די פּאַרטיזאַנען ?
— גוטע ייִדן, טײַער קינד מײַנס,
העלדישע און בראַווע מאַנען.

— וואו איז זייער היים געווען,
זייער בעט איז וואו געשטאַנען ?
— אויף דער ערד אין וואַלד געשלאָפֿן
זײַנען זיי, די פּאַרטיזאַנען.

— וואָס זשע האָבן זיי געגעסן ?
איז אין וואַלד דען שפּײַז פֿאַראַנען ?
— גראָזן, ניסלעך, רויע שוואָמען,
איז גענוג פֿאַר פּאַרטיזאַנען.

— און אַז ווינטער איז געקומען,
שניי און ווינט און הוראַגאַנען ?
— איז ניט גוט געווען, מײַן טײַערס,
הונגערן די פּאַרטיזאַנען.

— וואָס געטאָן אין טיפֿע וועלדער
האָבן זיי, די בראַווע מאַנען ?
— מיט די נאַציס זיך געשלאָגן
האָבן זיי, די פּאַרטיזאַנען.

צוריק
פֿון
דער
תּיבֿה

דער מאָלער, וואָס ער האָט פֿאַרטראַכט
דאָס בילד — אַ טעות האָט געמאַכט.

ער האָט געמיינט: מיט גרויסער פֿרייד
אַ פּאָרל נאָך פּאָרל גייט.

ווײַל פֿון דעם גאַנצן מין בלויז צוויי
געבליבן זײַנען לעבן — זיי.

ער האָט געמאַכט אַ טעות. קלאָר.
נישט פֿריילעך איז דאָס הירשן־פּאָר.

עס האָבן ניט געגלאַנצט מיט גלי
די אויגן בײַ דעם העלפֿאַנט־„זי”.

די בײדע בערן — שווער און גרויס,
געלאָפֿן זײַנען ניט פֿאָרויס.

געווען איז נײַ און פֿרעמד די וועלט,
קיין פֿרײַנד, קיין נעסטן, קיין געצעלט.

געווען איז שטיל און טויט אַרום —
קיין זשומען ניט, קיין שרײַ, קיין ברום.

געשטאַנען זײַנען זיי אין שרעק:
די לייבן, קעמלען און די בעק.

דער גרויסער העלפֿאַנט — ניט קיין טראָט.
דאָס שעפּסעלע געציטערט האָט.

ווען וויינען וואָלט געקענט דער בער —
געוויינט וואָלט ער. געוויינט וואָלט ער.

דער יינגל ישעיהס

דער יינגל ישעיהס וועט זײַן
דער גליקלעכסטער צווישן די קינדער.
ווײַל ער וועט אַ פּאַסטעכל זײַן
פֿון וועלף און פֿון שאָף און פֿון רינדער.

אַ פֿריילעכער וועט ער מיט זיי
באַגינען אין פֿעלד אַרײַן קומען.
אַ לעמפּערט וועט וואַרטן אויף זיי,
אַ לייב וועט אַ פֿרײַנדלעכער ברומען.

די פֿרידלעכע חיות אין טאָל
וועלן עסן די גרעזלעך און גראָזן.
די זון וועט אַ גאָלדענע זײַן,
אַ שטילינקער ווינטל וועט בלאָזן.

באַנאַנד מיט אַ וואָלף און אַ שעפּס
וועט דער יינגל אַ רואיקער זיצן.
מיט מעסער, געמאַכט פֿון אַ שפּיז,
אַ פֿײַפֿל פֿאַר זיך וועט ער שניצן.

אַ פּויער וועט גיין איבער פֿעלד
מיט זײַן אַקער, און שמייכלען צופֿרידן.
ווײַט וועט זיך שפּרייטן דאָס פֿעלד
אין שטילקייט, אין זון און אין פֿרידן.

דער יינגל ישעיהס וועט זײַן
דער גליקלעכסטער צווישן די קינדער,
ווײַל ער וועט אַ פּאַסטעכל זײַן
פֿון וועלף און פֿון שאָף און פֿון רינדער.

פון ענגליש

רעגן

ר. ל. סטיווענסאָן

דער רעגן רעגנט אומעטום,
ער פֿאַלט אויף בוים און לאַן.
עס רעגנט אויף די שירעמס דאָ,
און אויף דער שיף אין אָקעאַן.

קעגנזאַץ

ריטשאַרד ווילבור

ניט א י י ן וואָרט איז פֿאַראַן געוויס
וואָס פֿון ווײַס דער היפּוך איז.
און דער וואָס ענטפֿערט שוואַרץ, ניט מער,
איז ניט קיין גרויסער חכם ער.
עס ווילט זיך געבן אַ געשריי:
זײַ מוחל, אָבער אין אַן איי
(דעם פֿאַקט ווייס יעדע פּראָסטע זעל)
דער קעגנזאַץ פֿון ווײַס איז געל.

RAIN

R. L. Stevenson

The rain is raining all around,
   It falls on field and tree,
It rains on the umbrellas here,
   and on the ships at sea.

OPPOSITES

Richard Wilbur

There's more than one way to be right
About the opposite of white,
And those who merely answer black
Are very, very single-track.
They make one want to scream, "I beg
Your pardon, but within an egg
(A fact known to the simplest folk)
The opposite of white is yolk!"

עלעטעלעפּאָניע

ל. ריטשאַרדס

געווען אַ מאָל אַ העלעפֿאַנט
וואָס האָט גערעדט אין טעלעפֿאַנט.
ניין! ניין! איך מיין אַן עלעפֿאָן
וואָס האָט גערעדט אין טעלעפֿאָן.
(נאָך איצטער ווייס איך ניט גענוי
צי ווי איך זאָג איז גוט אַזוי).

סײַ ווי סײַ, פֿאַרפּלאָנטערט שטאַרק
האָט ער זײַן נאָז אין טעלעוואַרג.
וואָס מער ער האָט געפּרואווט אַרויס,
אַלץ העכער קלינגט דאָס טעלעהויז.
(דאָ רײַס איך איבער מײַן געזאַנג
פֿון עלעכאַפּ און טעלעקלאַנג).

ELETELEPHONY

Laura E. Richards

Once there was an elephant
Who tried to use the telephant.
No! No! I mean an elephone
Who tried to use the telephone.
(Dear me! I am not certain quite
That even now I've got it right.)

Howe'er it was, he got his trunk
Entangled in the thelehunk.
The more he tried to get it free —
The louder buzzed the telephee.
(I fear I'd better drop the song
Of elehop and telephong!)

אָרעמער ייִנגל

וואַלטער דע לאַ מעיר

אָרעמער ייִנגל ! אַ נעבעך אויף אים !
ער דרייט זיך אַרום אין דער פֿרי אַליין
פֿאַרמאַטערט שטאַרק פֿון ליידיק גיין.
טאָן טוט ער גאָרניט. געפֿינט ניט קיין אָרט.
רעדט ניט צו קיינעם און זאָגט ניט קיין וואָרט.
בײַ נאַכט צינדט ער קוים דאָס לעמפּעלע אָן
און האָט ניט קיין כּוח אַ גענעץ צו טאָן.
אָרעמער ייִנגל ! אַ נעבעך אויף אים !

זילבער

אַלטער דע לאַ מעיר

שטיל און שווײַגנדיק עס גייט
לבֿנה אין איר זילבערקלייד.
דאָ און דאָרט זי זעט, איר דוכט,
אויף זילבערביימער זילבערפֿרוכט !
שויב נאָך שויב פֿון אונטער דאַך
שלאָגט אָפּ איר גלאַנץ אין זילבער־סכך.
אין בײַדל ווי אַ קלעצל רונד
מיט זילבער־נעגל שלאָפֿט דער הונט.
אין זילבער־פֿעדערן פֿון שלאָף עס קוקט
די ברוסט פֿון טויב אין שטײַג פֿאַררוקט.
אַ מויז לויפֿט גיך צום תּבֿואה־סטויג
מיט זילבערפֿיס און אַ זילבעראויג.
און אינעם טײַך אַ פֿישל גלאַנצט
פֿאַרפֿלאָנטערט אין אַ זילבערפֿלאַנץ.

TIRED TIM

Walter De la Mare

Poor tired Tim! It's sad for him.
He lags the long bright morning through
Ever so tired of nothing to do.
He moans and mopes the livelong day
Nothing to think about, nothing to say.
Up to bed with his candle to creep
Too tired to yawn, too tired to sleep.
Poor tired Tim! It's sad for him.

SILVER

Walter De la Mare

Slowly, silently now the moon
Walks the night in her silver shoon;
This way, and that, she peers, and sees
Silver fruit upon silver trees;
One by one the casements catch
Her beams beneath the silvery thatch;
Couched in his kennel, like a log,
With paws of silver sleeps the dog;
From their shadowy cote the white breast peep
Of doves in a silver-feathered sleep;
A harvest mouse goes scampering by,
With silver claws and a silver eye;
And moveless fish in the water gleam
By silver weeds in a silver stream.

אַפּריל

סאַראַ טיסדייל

די דעכער גלאַנצן פֿײַכט און פֿריש,
אַ שוועלבל פֿליט מיט צוויטשערײַ.
מיט דער צאַרטקייט פֿון אַפּריל
שווימען כמאַרעלעך פֿאַרבײַ.

דער ברוינער הויף איז אָבער וויסט,
מיט איינעם פּוסטן בוים ווי פֿריִער.
כ׳וואָלט ניט געוואוסט אַז פֿרילינג קומט,
ווען ניט דאָס ליד אין מיר.

APRIL

Sara Teasdale

The roofs are shining from the rain,
  The sparrows twitter as they fly,
And with a windy April grace
  The little clouds go by.

Yet the back-yards are bare and brown
  With only one unchanging tree —
I could not be so sure of Spring
Save that it sings in me.

זיך אָפּשטעלנדיק בײַ אַ וואַלד אין אַ שנייאיקן אָוונט

ראָבערט פֿראָסט

כ׳ווייס וועמעס וואַלד דאָס איז פֿאַרשנייט.
כאָטש אויפֿן דאָרף זײַן הײַזל שטייט.
ער זעט ניט ווי איך קום אַרויס
זײַן וואַלד באַטראַכטן ווײַס פֿאַרווייט.

מײַן קליינעם פֿערד זעט מאָדנע אויס
דאָס בלײַבן ווײַט פֿון פֿאַרמערס הויז.
אין מיטן וואַלד און טײַך אין פֿריר,
אין אָוונט פֿינצטערסטן פֿון יאָר.

ער טוט מיט גלעקל גרינג אַ ריר:
איז ניט אַ טעות דאָ בײַ מיר?
נאָך דעם בלויז דער שאָרך אַליין
פֿון גרינגן ווינט און שניי וואָס פֿאַלט.

דער וואַלד איז פֿינצטער, טיף און שיין.
נאָר איך האָב דאגות אָן אַ שיעור.
און ביז שלאָף נאָך ווײַט צו גיין.
און ביז שלאָף נאָך ווײַט צו גיין.

אַ קליינער פֿויגל

ראָבערט פֿראָסט

איך וואָלט געוואָלט דער פֿויגל זאָל אַוועק.
ניט זינגען בײַ מײַן פֿענצטער אָן אַן עק.

איך האָב אַ פּאַטש געטאָן אויף אים מיט
בײדע הענט,
ווײַל פֿאַרטראָגן מער האָב איך אים ניט געקענט.

אַ ביסל שולד פֿאַר דעם מוז זײַן אין מײַן געמיט.
וואָס קאָן מען האָבן צו אַ פֿויגלס ליד?

אויך בין איך זיכער אויף אַ וועג אַ קרומען:
וועלן עמעצנס געזאַנגען גאָר פֿאַרשטומען.

STOPPING BY WOODS ON A SNOWY EVENING

Robert Frost

Whose woods these are I think I know.
His house is in the village though;
He will not see me stopping here
To watch his woods fill up with snow.

My little horse must think it queer
To stop without a farmhouse near
Between the woods and frozen lake
The darkest evening of the year.

He gives his harness bells a shake
To ask if there is some mistake.
The only other sound's the sweep
Of easy wind and downy flake.

The woods are lovely, dark and deep.
But I have promises to keep,
And miles to go before I sleep,
And miles to go before I sleep.

A MINOR BIRD

Robert Frost

I have wished a bird would fly away,
And not sing by my house all day;

Have clapped my hands at him from the door
When it seemed as if I could bear no more.

The fault must partly have been in me.
The bird was not to blame for his key.

And of course there must be something wrong
In wanting to silence any song.

זוכנדיק אַ פֿייגעלע אין זונפֿאַרגאַנג

ראָבערט פֿראָסט

אָן גאָלד וועט זײַן דער מערבֿ באַלד.
דער ווינט איז אויסגעגאַנגען קאַלט.
ווען שטעלנדיק אין שניי די טריט
האָט מיר געדוכט: אַ פֿויגל גליט.

זומערצײַט אין זעלבן אָרט
דעם קאָפּ פֿאַרהויבן האָב איך דאָרט.
אַ פֿייגעלע מיט גאָטס געשאַנק
געזונגען האָט אַ זיס געזאַנג.

כ׳האָב ניט געהערט אַצינד קיין טרעל.
אויף אַ צווײַג אין בלעטל געל
געווען צו זען איז דאָ קוים,
ווען כ׳האָב צוויי מאָל באַטראַכט דעם בוים.

פֿון בערגל האָב איך בעסער פֿיל
פֿאַרשטאַנען, אַז דער האַרטער קיל
גיט צו צום שניי אַ פֿרעסטל בלויז,
ווי גילד צו גאָלד וואָס מאַכט ניט אויס.

אַ פענדזל האָט אין הימל העט
געלאָזט אין בלוי אַ קרומען גלעט
פֿון אָדער כמאַרע, אָדער רויך.
אַ קליינער שטערן שפּיזלט הויך.

LOOKING

FOR

A SUNSET BIRD

IN WINTER

Robert Frost

The west was getting out of gold,
The breath of air had died of cold,
When shoeing home across the white,
I thought I saw a bird alight.

In summer when I passed the place
I had to stop and lift my face;
A bird with an angelic gift
Was singing in it sweet and swift.

No bird was singing in it now.
A single leaf was on a bough,
And that was all there was to see
In going twice around the tree.

From my advantage on a hill
I judged that such a crystal chill
Was only adding frost to snow
As gilt to gold that wouldn't show.

A brush had left a crooked stroke
Of what was either cloud or smoke
From north to south across the blue;
A piercing little star was through.

די
טיר
אָן
אַ שלאָס

ראָבערט פֿראָסט

נאָך יאָרן אַ סך
אַ קלאַפּן צו לעצט.
כ׳האָב געטראַכט פֿון דער טיר
אָן אַ שלאָס נאָך ביז יעצט.

כ׳האָב פֿאַרלאָשן דאָס ליכט.
צו דער טיר כ׳האָב פֿון דיל
געהויבן די הענט
אין אַ תּפֿילה גאָר שטיל.

נאָר ווידער אַ קלאַפּ.
מײַן פֿענצטער איז גרויס,
איך בין דורכן פֿענצטער
אין דרויסן אַרויס.

פֿון יענער זײַט פֿענצטער
כ׳האָב געענטפֿערט „אַרײַן!״
יענעם, וואָס קלאַפּט,
ווער ס׳זאָל ניט זײַן.

איבער אַ קלאַפּ
כ׳האָב פֿאַרלאָזן מײַן צעל,
כּדי זיך באַהאַלטן
און בײַטן מײַן שוועל.

THE LOCKLESS DOOR

Robert Frost

It went many years,
but at last came a knock.
And I thought of the door
With no lock to lock.

I blew out the light,
I tiptoed the floor,
And raised both hands
In prayer to the door.

But the knock came again
My window was wide
I climbed on the sill
And descended outside.

Back over the hill
I bade a "come in"
To whatever the knock
At the door may have been.

So at a knock
I emptied my cage
To hide in the world
And alter with age.

דער ווינט און די בלום אין פֿענצטער

ראָבערט פֿראָסט

פֿאַרלער, פֿאַרגעסט אײַער ליבע,
הערט פֿון דער ליבע בײַ זיי.
זי אין פֿענצטער אַ בלום,
ער אַ ווינט אינעם שניי.

ווען דער שלייער פֿון פֿראָסט
אויף דער שויב איז צעגאַן,
און דער פֿויגל אין שטײַג
האָט געזונגען איר דאַן —

האָט ער אין שויב זי באַמערקט,
ניט געקענט אַנדערש דאָך,
און געקומען צוריק
אין דער פֿינצטער דערנאָך.

ער, אום ווינטער אַ ווינט,
ווען טויט איז דאָס גראָז,
ניט געפּאָרט זײַנען פֿייגל —
פֿון אַ ליבע ווייסט וואָס?

ער האָט געגעבן אַ זיפֿץ,
און דעם פֿאָרהאַנג אַ שאַר,
צו זען ווי עמעץ
קען ניט שלאָפֿן דערפֿאַר.

ער האָט זי אײַנגערעדט האַלב
אַז אַנטלויפֿן זאָל זי
פֿון דער שײַן וואָס איז אין שויב,
פֿון אויוונס וואַרעמען גלי.

נאָר די בלום האָט פֿאַרטראַכט זיך,
אָנגעבייגט אויף אַ זײַט.
באַגינען האָט דערווישט אים
הונדערט מײַלן ווײַט.

WIND AND WINDOW FLOWER

Robert Frost

Lovers, forget your love,
   And list to the love of these.
She a window flower,
   And he a winter breeze.

When the frosty window veil
   Was melted down at noon,
And the caged yellow bird
   Hung over her in tune,

He marked her through the pane
   He could not help but mark,
And only passed her by,
   To come again at dark.

He was a winter wind,
   Concerned with ice and snow,
Dead weeds and unmated birds,
   And little of love could know.

But he sighed upon the sill,
   He gave the sash a shake,
As witness all within
   Who lay that night awake.

Perchance he half prevailed
   To win her for the flight
From the firelit looking-glass
   And warm stove-window light.

But the flower leaned aside
   And thought of naught to say,
And morning found the breeze
   A hundred miles away.

גוטע שעהן

ראָבערט פראָסט

ווינטער־אָוונט אויף מײַן שפּאַציר —
כ׳האָב קיינעם ניט געהאַט צו מיר.
געהאַט פֿון כאַטקעס נאָר אַ ריי,
ביז די שײַנענדיקע אויגן אינעם שניי.

אין זיי געהאַט דאָס פֿאָלק האָב איך,
אַ פֿידעלעס פֿאַרגייען זיך.
און הינטער פֿאַרהאַנגען באַהאַלטן
געזיכטער יונגע און געשטאַלטן.

מיט דער חבֿרותא אין פֿאָרויס
האָב איך שפּאַצירט ביז לעצטן הויז.
געקומען צוריק, און מיט אַ שווער האַרץ
געטראָפֿן אַלע פֿענצטער שוואַרץ.

געוועקט פֿון שלאָף דאָס דערפֿל האָט
אין שניי מײַן סקריפּנדיקער טראָט.
ווי פּראָפּאַגאַנדע אין אָוונט, ווען
לאָזסט איבער אַלעמען אַ זייגער צען.

GOOD HOURS

Robert Frost

I had for my winter evening walk—
No one at all with whom to talk,
But I had the cottages in a row
Up to their shining eyes in snow.

And I thought I had the folk within:
I had the sound of a violin;
I had a glimpse through curtain laces
Of youthful forms and youthful faces.

I had such company outward bound.
I went till there were no cottages found.
I turned and repented, but coming back
I saw no window but that was black.

Over the snow my creaking feet
Disturbed the slumbering village street
Like profanation, by your leave,
At ten o'clock of a winter eve.

אַ לאַטע פֿון פֿאַראַיאָריקן שניי

ראָבערט פֿראָסט

אַ לאַטע פֿון שניי פֿון פֿאַראַיאָרן ליגט אין ווינקל.
ניט צו טראַכטן פֿיל :
דאָס איז געווען פּאַפּיר פֿון ווינט געיאָגט,
פֿון רעגן שטיל.

עס איז באַשפּריצט מיט בלאָטע ווי
מיט אותיות קליין און קלאָר,
נײַס פֿון אַ טאָג וואָס כ׳האָב פֿאַרגעסן,
אָדער ניט געלייענט גאָר.

כ׳בין קיינער

עמילי דיקענסאָן

איך בין קיינער, ווער ביסטו ?
ביסטו קיינער אויך ? דו ?
זײַנען מיר אַ פּאָרל, שווײַג.
זיי וואָלטן אונדז פֿאַרטריבן. קלאָר.

ווי שרעקלעך איז צו זײַן אַן איינער.
ווי שטאַרק בפּרהסיא. ווי אַ פֿראָש מיט
נודנעם קול
אַ גאַנצן טאָג דײַן נאָמען זאָגן
צו אַ זומפּ, וואָס ווערט נתפּעל.

A PATCH OF OLD SNOW

Robert Frost

There's a patch of old snow in a corner
That I should have guessed
Was a blow-away paper the rain
Had brought to rest.

It is speckled with grime as if
Small print overspread it,
The news of a day I've forgotten—
If I ever read it.

I'M NOBODY

Emily Dickenson

I'm nobody! Who are you?
Are you nobody, too?
Then there's a pair of us—don't tell!
They'd banish us, you know.

How dreary to be somebody!
How public, like a frog
To tell your name the livelong day
To an admiring bog!

ביימער

י. קילמער

עס וועט ניט טרעפֿן קיין מאָל, כ'מיין,
אַ ליד זאָל ווי אַ בוים זײַן שיין;

אַ בוים, וואָס מיטן מויל ער ציט
די זיסע ברוסט פֿון ערד צעבליט;

אַ בוים וואָס קוקט צו גאָט און שטייט
מיט בלעטערהענט צו תּפֿילה גרייט;

אַ בוים וואָס האָט דעם זומער גאָר
אַ נעסט פֿון פֿייגל אין די האָר;

וואָס שניי אין בוזעם ליגט בײַ אים,
וואָס איז מיט רעגן שטאַרק אינטים.

אַ נאַר ווי איך מאַכט לידער שיין,
אַ בוים קען מאַכן גאָט אַליין.

TREES

Joyce Kilmer

I think that I shall never see
A poem lovely as a tree.

A tree whose hungry mouth is prest
Against the earth's sweet flowing breast;

A tree that looks at God all day,
And lifts her leafy arms to pray;

A tree that may in Summer wear
A nest of robins in her hair;

Upon whose bosom snow has lain,
Who intimately lives with rain.

Poems are made by fools like me,
But only God can make a tree.

דער ווינט

ק. ג. ראַססעטטי

ווער האָט דעם ווינט געזען ?
ניט איך און אויך ניט דו.
נאָר ווען די בלעטער ציטערן
קומט ער נאָענט צו.

ווער האָט דעם ווינט געזען ?
ניט דו און אויך ניט איך.
נאָר ווען דער בוים בייגט אײַן זײַן קאָפּ
גייט דורך דער ווינט אויף גיך.

ווען איך בין טויט, מײַן ליבסטער

ק. ג. ראַססעטטי

ווען איך בין טויט, מײַן ליבסטער,
ניט זינג קיין טרויער־ליד.
ניט פּלאַנץ צוקאָפּנס מיר קיין רויז,
קיין טונקעלן צעדער ניט.
זאָל זײַן דאָס גרינגראָז איבער מיר
פֿון טוי און רעגן נאָס.
און אויב דו ווילסט, געדענק מיך,
און אויב דו ווילסט, פֿאַרגעס.

די שאָטנס כ׳וועל ניט זען,
ניט ווי דער רעגן פֿאַלט.
ניט הערן כ׳וועל די נאַכטיגאַל
וואָס זינגט פֿון וויי אין וואַלד.
און ווען אין טונקל אייביק
וועט חלומען מײַן זעל,
קען זײַן, איך וועל געדענקען,
קען זײַן, פֿאַרגעסן כ׳וועל.

THE WIND

Ch. G. Rossetti

Who has seen the wind?
  Neither I nor you.
But when the leaves hang trembling,
  The wind is passing through.

Who has seen the wind?
  Neither you nor I.
But when the trees bow down their heads,
  The wind is passing by.

WHEN I AM DEAD, MY DEAREST

Ch. G. Rossetti

When I am dead, my dearest,
  Sing no sad songs for me;
Plant thou no roses at my head,
  Nor shady cypress-tree:
By the green grass above me
  With showers and dewdrops wet:
And if thou wilt, remember,
  And if thou wilt, forget.

I shall not see the shadows,
  I shall not feel the rain;
I shall not hear the nightingale
  Sing on, as if in pain:
And dreaming through the twilight
  That doth not rise nor set,
Haply I may remember,
  And haply may forget.

אינהאַלט:

אין מײַן פֿענצטער בליט מאַנהעטן / 5—46

פֿונעם װײַטן װײַטן שטעטל / 47—60

פֿאַר דער ייִדישער שול / 61—68

פֿון ענגליש / 69—93

ביכער פֿון מ. אָליצקי

אין פֿרעמדן לאַנד, לידער, דײַטשלאַנד, 1948, אַרויסגעגעבן בײַ דער מיטהילף פֿונעם ייִדישן אַרבעטער־קאָמיטעט אין אַמעריקע.

פֿריילעכע טעג, לידער פֿאַר קינדער, אַרויסגעגעבן פֿון בילדונגס־קאָמיטעט פֿונעם אַרבעטער־רינג, ניו־יאָרק, 1962; באַקומען די צבֿי קעסעל פּרעמיע פֿאַר ליטעראַטור אין מעקסיקע.

לידער צו אַ ברודער (צוזאַמען מיט ל. אָליצקי), תּל־אָבֿיבֿ, 1964, פֿאַרלאַג „נחמני“.

געקליבענע לידער, פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אָבֿיבֿ, 1967; פּרעמירט פֿונעם קולטור־קאָנגרעס און ייִדישן פּען־קלוב אין ניו־יאָרק.

גרייט צום דרוק:

אומעטום דער זונפֿאַרגאַנג, לידער.